# װ י ל נ ע

פאַראַן אויף דער װעלט מענטשן װאָס פאַרכאַפן, און פאַראַן שטעט װאָס טוען אָנעט אַ כישוף, אַ צױבער װאָס ציט צו צו זיך מיט אַ מאַגנעטישן גלי, אַזאַ װאָס לאָזט זיך קאַם פאַרשטײן מיט די כלים פונעם שכל הישר. אָט אַזאַ מין שטאָט איז װ י ל נ ע.

מילא, אַז די שכנותדיקע מלוכות האָבן זיך איבער װילנע מלחמות געפירט: אַזאַ איז דער דרך העולם, װער רעדט נאָך בײַ אַ שטאָט װאָס שפּרודלט מיט פאַרשידענע קולטורן, שפּראַכן, רעליגיעס — ציװיליזאַציעס.

װילנע איז אָבער אויך געװאָרן אַ רוחניותדיקע קרױנשטאָט בײַ קולטורן װאָס האָבן ניט קײן אַרמײען און ניט קײן פּאָליצײ, אַזעלכע װאָס פאָדערן גאָרניט קײן פּאָליטישע מלוכהשאַפט, אַשטײגער — קאַראַאימער, טאַטאַרן, און די אַלטגלײביקע בײַ די פּראָװאָסלאַװן. אויך די אשכנזישע קולטור בײַ אונדז ייִדן, אַ קולטור װאָס איז אינגאַנצן אַנדערש אײדער בײַם רוב הײַנטיקע ייִדן אין ארץ ישראל צי אַמעריקע.

לכתחילה איז װילנע געװאָרן „ירושלים דליטא“ אין דער װעלט פון רבנישן לערנען. ניט אומזיסט האָבן די זין פון װילנער גאון געשריבן: „אשריך עיר התהלה װילנא“ — גליקלעך ביסטו, אָ אויסגעליבטע שטאָט װילנע!

אין נײַנצעטן, און נאָכמער אין צװאַנציקסטן יאָרהונדערט, איז װילנע געװאָרן די סימבאָלישע קרױנשטאָט פון ייִדיש, אַ שפּראַך אָן אַ לאַנד. אין װילנע איז אויפגעקומען די פּראַכטפולע נײַע ייִדישע פילאָלאָגיע און אין װילנע איז ייִדיש דערגאַנגען צו רומפולע מעשים אויף פאַרשידענערלײ תחומען פון שפּראַך, ליטעראַטור, קונסט און פאָרשונג.

טשעסלאַװ מילאָש באַשרײַבט ריכטיק, אַז אין דער בלי־תקופה צװישן די מלחמות זײַנען די פאַרשידענע קולטורן צום באַדױערן געבליבן צװישנאַנאַנד אינגאַנצן פאַרפרעמדט. ער דערמאָנט אָבער אַן אײנאײנציקן פּאָעזיע אָװנט װאו יונגע טאַלאַנטן האָבן פאָרגעלײענט זײערע לידער אויף בעלאַרוסיש, ייִדיש, ליטװיש און פּויליש. זײ צונױפגעבראַכט האָט די צװישנפעלקערישע ליבשאַפט װאָס עס קען ברענגען — פּאָעזיע.

ס'איז ניט מעגלעך בײַ הײַנטיקן טאָג צו שרײַבן װעגן װילנע און פאַרשװײַגן דעם גרױזאַמען מאָרד (צוליבן בלױזן ראַסן־האַס) פון אירע זיבעציק טױזנט שלום־שלװהדיקע ייִדן בעתן חורבן. ניט בײַם מוראהאַפּטיקסטן אומגליק דאַרף זיך אָבער ענדיקן די מהודרדיק־פּלוראַליסטישע געשיכטע פון װילנע. דער מענטש מוז אָנגײן, טרױמען, גלײבן, בױען.

טאָ לאָמיר איצטער אַלע װײַטער נעמען בױען אַ װילנע װעמענס סימן מובהק עס איז ניט קײן מאָנאָפּאָל פון אַן אײנאײנציקער אָפיציעלער קולטור, נאָר װאָדען: אַ סימפּאָניע פון פעלקער און לשונות װאָס לעבן און שאַפן װײַטער אין אַ סביבה פון גוטברודערשאַפט, אינספּיראַציע און דרך־ארץ צװישן זײ אַלע.

הירשע־דוד קאַץ
װילנער אוניװערסיטעט
צװאַנציק טעג אין אב תשס״ב
דעם 29טן יולי 2002